אַליס וועקסלער

# אַנאַרכיסטישער צוזאַמענפאָר אין ווענעציע

3.

ביים סוף פונעם אינטערנאַציאָנאַלן אַנאַרכיסטישן צוזאַמענפאָר אין ווענעציע זענען קלאָר קאָפּויער געקומען צוויי בולטע טענדענצן צווישן די באַטייליקטע דעבאַטאַנטן. איין גרופּע, בעיקר די שפּאַנישע וועטעראַנען פון דער „סע־ענע־טע", איז געווען פאַרן אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם, דאָס מיינט אַז די אַנאַרכיסטישע טעאָריע און אידעען מוזן אַנגעווענדט ווערן אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אַ צווייטער צד האָט אָבער געזען אַ גינציק פעלד פאַר דער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין אַזעלכע באַוועגונגען ווי די אַנטי־נוקלעאַרישע, עקאָלאָגישע, פעמיניסטישע, קאָאָפּעראַטיווע, און דאָס גלייכן. די דאָזיקע צעטיילונג אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג איז ניט ניי. שוין אַלעקסאַנדער בערקמאַן און עמאַ גאָלדמאַן אין זייער צייט האָבן ניט מסכּים געווען צווישן זיך בנוגע דעם דאָזיקן ענין אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אויך ווען ס'איז געקומען אָפּצושאַצן די אויפטוען פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג איבער דער וועלט, האָבן ניט אַלע באַטייליקטע אינעם צוזאַמענפאָר מסכּים געווען צווישן זיך. למשל, אָקטאַוויאַ אַלבעראָלאַ, אַ הדרת־פּנימדיקער שפּאַנישער מיליטאַנט מיט אַ ווייסן קאָפּ האָר, וואָס איז לאַנגע יאָרן געווען אַקטיוו אין דער אַנטי־פראַנקאָ־באַוועגונג אין שפּאַניע און האָט שפּעטער געלעבט אין פּאַריז, האָט אַנגעוויזן, אַז די אַנאַרכיסטן מוזן אַנאַליזירן די סיבות פון דער ירידה אין זייער באַוועגונג, כּדי צו געפינען דעם ריכטיקן וועג צו באַנייאונג. ער האָט געהאַלטן, אַז ס'איז אָפּט מאָל פאַראַן מער אַנאַרכיזם אין אַ צאָל אַנדערע באַוועגונגען ווי אין דעם, וואָס ס'איז איבערגעבליבן פון די אַמאָליקע גרויסע אַנאַרכיסטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס.

קאָלין וואָרד, דער ענגלישער אַנאַרכיסט, וואָס רעדט מיטן אַקאַדעמישן אָקספאָרדער אַקצענט און אין אַ געוויסער צייט געווען דער רעדאַקטאָר פון דער לאָנדאָנער אַנאַרכיסטישער צייטשריפט „פרידאָם" (פרייהייט) און וואָס אויך זיין קאָפּ איז געווען באַקרוינט מיט אַ ווייסער טשופּרינע, האָט אויסגעדריקט אַן אַנדערע מיינונג. ער האָט געטענהט, אַז די געשיכטע האָט באַוויזן די ריכטיקייט פונעם אַנאַרכיזם און ניט פונעם מאַרקסיזם, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די מאַרקסיסטן זענען ביי דער רעגירונגס־מאַכט אין אַ היפּשער צאָל לענדער. דער מלוכהשער סאָציאַליזם איז דאָך אַ פולשטענדיקער דורכפאַל סיי אין די מזרחדיקע לענדער מיט די פּאָליצייאישע דיקטאַטורן און סיי אין די דעמאָקראַטישע מדינות מיט די ביוראָקראַטישע רעגירונגען. אַנאַרכיזם איז פאַרבליבן דאָס, וואָס ער איז אַלע מאָל געווען: אַ קליינע נעץ פון איבערגעגעבענע פּראָפּאַגאַנדיסטן איבער דער גאָרער וועלט מיט אינערלעכע דיסקוסיעס אָבער מיט בשותפותדיקע אַלגעמיינע אויספירן, וואָס זענען איצטער מער באַטייטיק און שייכותדיק און רעלעוואַנטיש ווי ווען עס איז פריער אין דער גאָרער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט. און קאָלין וואָרד האָט אויסגעפירט, אַז די עיקרדיקע אויפגאַבע פונעם אַנאַרכיזם ביים היינטיקן טאָג איז צו ראַטעווען דעם סאָציאַליזם פון זיין פאַטאַלן שידוך מיט דער מלוכה.

מאַרעי בוקטשין, ווידער, דער אַמעריקאַנישער אַנאַרכיסטישער עקאָלאָג, האָט אונטערגעשטראָכן די סכּנה פון אַ נוקלעאַרישער און עקאָלאָגישער קאַטאַסטראָפע, וואָס הענגט ווי די דאַמאָקלעס־שווערד איבער דער גאָרער מענטשהייט, און די נויטווענדיקייט צו דערהיינטיקן די אַנאַרכיסטישע טעאָריע אין הסכּם מיט די איצטיקע ווירקלעכקייטן און מיט דער אַמעריקאַנישער טראַדיציע. אינעם לעצטן טאָג פונעם אַנאַרכיסטישן צוזאַמענפאָר אין ווענעציע נאָך מאַרעי בוקטשין, אַ מידער און אין זיין ברוקלינער ענגליש, געהאַלטן זיין ירמיהודיקע רעדע אין אַ רבנישן טאָן. און הגם דער עולם צוהערערס איז לרוב געווען אַן אייראָפּעאישער, האָט בוקטשין גערעדט אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט פאַר זיך אַן אַמעריקאַנישן עולם. ער האָט דעריבער פּרובירט פאָרמולירן אַ סאָרט אַמעריקאַנישן אַנאַרכיזם. „מיר מוזן רעדן צו מענטשן אין איינקלאַנג מיט זייער קולטורעלער און היסטאָרישער ירושה" — האָט ער באַטאָנט — „און אין אַמעריקע איז די דאָזיקע ירושה אַ פעדעראַליסטישע, אַן אינדיווידואַליסטישע און אַ ליבערטאַרישע. דער אַמעריקאַנישער אידעאַל איז פרייע מוניציפּאַליטעטן, אונטער אַ לאָקאַלן קאָנטראָל פון אַ היימישער דעמאָקראַטיע, מיטן טראָפּ אויף זעלבשטענדיקייט. דאָס אַלץ קאָן ווערן טראַנספאָרמירט אין אַנאַרכיסטישע אידעען און צוציען מיליאָנען אַנהענגערס, וואָס זענען ניט צו שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די סינדיקאַליסטישע פּרינציפּן און זיי באַטראַכטן ניט אַלע סאָציאַלע און אויך יחידישע פּראָבלעמען אויסשליסלעך פון אַ קלאַסנקעמפערישן שטאַנדפּונקט און אויך ניט פונעם קוקווינקל פונעם היסטאָרישן קאַמף צווישן אַרבעטערס און קאַפּיטאַליסטן".

פאַר בוקטשינען זענען וויכטיקער ליבערטאַרישע מוניציפּאַליטעטן ווי פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. ער האַלט, אַז אַזעלכע לאָקאַלע זעלבסטרעגירונגען קאָנען ווערן אַ מעכטיקע דאַמבע קעגן דעם מאָסיוון וווּקס פון דער צענטראַליזירטע מלוכה, וואָס ווערט מיט דער צייט אַ טאָטאַליטאַרישער שטאַט. בוקטשין האָט, אָבער, ניט אָנגעוויזן ווי אַזוי אַזעלכע ליבערטאַרישע מוניציפּאַליטעטן וועלן זיך קאָנען אַן עצה געבן מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען פון עקאָנאָמישער אומגלייכ־

הייט סיי בנוגע יחידישע הכנסות און סיי בנוגע די אַלגעמיינע נאַטירלעכע רעסורסן.

רודאָלף דע יאַנג, דער אַנגעזעענער אַנאַרכיסטישער טוער אינעם באַוווסטן אינטערנאַציאָנאַלן אינסטיטוט פאַר סאָציאַלער געשיכטע אין אַמסטערדאַם, האָט מסכים געווען מיט מיט בוקטשינען, אַז סינדיקאַליזם און קלאַסנקאַמף זענען אפשר ניט גענוג אין די היינטיקע צייטן מיט אַזוי פיל אַנדערע סאָציאַלע פּראָבלעמען. דעריבער טאַקע איז וויכטיק דער קאַמף אויף די קאָנסומציע־געביטן, אויף די געביטן פון פאַרברויך, ווי למשל, וווינונגען צו לינדערן דעם גרויסן דוחק אין דירות, פרייע דערציאונג פאַר אַלעמען, און די עקאָלאָגישע אָפּרייניקונג פון אונדזער נאַטירלעכער סביבה. „אויב מיר ווילן, אַז דער אַנאַרכיזם זאָל האָבן אַ צוקונפט, מוזן מיר קאָנצענטרירן אונדזער קאַמף אויף די דערמאָנטע געביטן” — האָט רודאָלף דע יאַנג אונטערגעשטראָכן. ער איז ניט בלויז אַ האָלענדישער אַנאַרכיסטישער טעאָרעטיקער, נאָר אויך אַן אַקטיוויסט. און די ניינצן־זעכציקער יאָרן האָט ער זיך באַטייליקט אין דער מיליטאַנטישער באַוועגונג פון די „פּראָוואָס”, וואָס האָבן זיך אַריינגעצויגן אין די רייכע דירות, וואָס זענען ניט געווען באַוווינט און דורך דעם גורם געווען אַ ברייטערע באַוועגונג פאַר אַ דאַך איבערן קאָפּ פאַר די נויטבאַדערפטיקע היימלאָזע אין האָלאַנד.

דער אַנאַרכיסטישער צוזאַמענפאַר אין ווענעציע האָט אַן שום ספק באַוויזן, אַז ס'איז פאַראַן אַן עכטע און וואָרצלדיקע אינטערנאַציאָנאַלע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג, מיט אַן אַנגעזעענער השפעה אויף פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אוניווערסיטעטן, שלום־גרופּירונגען, אַרבעטאַרישע קאָאָפּעראַטיוון, ביבליאָטעקן, אַרכיוון, ראַדיאָ־סטאַנציעס, עקאָלאָגישע צענטערס, פאַרלאַגן, און ליבערטאַרישע שולן איבער דער גאָרער וועלט, פון שטאָקהאָלם ביז וואַלענציע, פון מילאַן ביז לאַ פּאַז. און זיכער איז געווען גערעכט קאָלין וואָרד ווען ער האָט געזאָגט, אַז די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איז היינט דאָס, וואָס איז תמיד געווען: אַ קליינע אָבער השפעהדיקע נעץ פון איבערגעגעבענע פּראָפּאַגאַנדיסטן און אַקטיוויסטן איבער דער גאַנצער וועלט.

און דאָך שיינט צו זיין אמת היינט, פּונקט אַז ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, אַז די אַנאַרכיסטן און זייער השפעה זענען געווען צום מערסטן עפעקטיוו ווען זיי האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין די גרעסערע מאַסן־באַוועגונגען און אַרבעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, אַנהאַלטנדיק גלייכצייטיק זייערע אייגענע אַנאַרכיסטישע גרופּעס. אָבער דער איטאַליענישער אַנאַרכיסט ניקאָ בערטי האָט אַנגעוויזן אויף דער עיקרדיקער סתירה אינעם אַנאַרכיזם. די דאָזיקע סתירה באַשטייט אין דעם, וואָס דער אַנאַרכיזם איז בעצם אַן עטישע באַוועגונג און דאָך וויל ער זיך אויפפירן ווי אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע. און דאָס טאַקע איז די סיבה פון זיין דורכפאַל און אויך דער סוד פון זיין וויכטיקייט און שטאַנדהאַפטיקייט. אַנאַרכיסטן ווילן בייטן דעם וועלט־סדר. אָבער זיי באַשטייען, אַז די מיטלען מוזן זיין אין פולשטענדיקן הסכם מיט די צילן. וואָרן אַפילו די שענסטע צילן קאָנען ניט הייליקן מיאוסע מיטלען. אַנאַרכיסטן האַלטן, אַז די רעוואָלוציאָנערישע באַוועגונג גופא מוז פונקציאָנירן אין איינקלאַנג מיט די ליבערטאַרישע ווערטן פון דער נייער אַנאַרכיסטישער געזעלשאַפט. אַנאַרכיסטן האַלטן אויך, אַז זיי מוזן קודם־כל בייטן זיך גופא איידער זיי מאַכן איבער די וועלט. די דאָזיקע עטישע אַנאַרכיסטישע הדגשה, וואָס האָט אַזאַ שטאַרקע ווירקונג ווי אַ קריטישער כוח קעגן די אויטאָריטאַרישע באַוועגונגען סיי פון רעכטס און סיי פון לינקס, העלפט אונדז אויך צו פאַרשטיין די קורצע קיומס פון די אַנאַרכיסטישע קאָלאָניעס. און דאָס העלפט אויך אויפצוקלערן פאַר וואָס דער אַנאַרכיזם האָט אין זיין גאַנצער געשיכטע געהאַט אַזוי פיל דורכפאַלן.

און ניקאָ בערטי האָט אַנגעוויזן אויף נאָך אַ צווייטער אַנאַרכיסטישער סתירה. אַנאַרכיסטן שטרייכן אונטער די וויכטיקייט פון דערציאונג און איבערדערציאונג ווי אַ מיטל צו אַנטוויקלען אין די מענטשן אַנטי־אויטאָריטאַרישע כאַראַקטערס. אָבער דאָס אונטערשטרייכן דערציאונג אויפן חשבון פון אָרגאַניזירונג ברענגט דאָך קאַפּויער די פּראַגע, — וואָס איז, אָבער, אויך געשטעלט געוואָרן מצד אַ צאָל אַנדערע רעדנערס אויפן צוזאַמענפאַר אין ווענעציע, — צי דער מאָדערנער אַנאַרכיזם איז ניט געוואָרן מער רעפאָרמיסטיש און ווייניקער רעוואָלוציאָנעריש. און דאָס הייבט אויך אַרויס די פּראַגע וואָס עמאַ גאָלדמאַן האָט געשטעלט שוין אין די ניינצן־דרייסיקער יאָרן, נעמלעך: צי אַנאַרכיזם און רעוואָלוציע זענען ניט בעצם צוויי סתירהדיקע השגות.

זיכער איז, אַז די היינטיקע אַנאַרכיסטן זענען קעגן אַלע עקסיסטירנדיקע רעוואָלוציעס, איינגעשלאָסן אויך די רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד, כינע, קובאַ, און ניקאַראַגואַ, וואָס האָבן דערפירט צו אונטערדריקערישע מלוכה־רעזשימען אין די דערמאָנטע לענדער און צו אַ טאָטאַלער פאַרשקלאַפונג פון זייערע פעלקער. די עלטערע אַנאַרכיסטן זענען טאַקע אין די קאָמוניסטישע רעזשימען, וואָס זענען געקומען נאָך דער באָלשעוויקישער איבערקערעניש אין רוסלאַנד, אַ טראַגישע און גורלדיקע איבערחזרונג פון דעם, וואָס ס'איז געשען בעת דער רוסישער רעוואָלוציע ווען די באָלשעוויקעס האָבן דערשטיקט ניט בלויז די רעוואָלוציע און די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד נאָר אויך ווען די קאָמוניסטן האָבן מיט יאָרן שפּעטער דערלאַנגט דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג מיט אַ פאַררעטערישן מעסער אינעם רוקן בעת דער שפּאַנישער רעוואָלוציע אין די ניינצן־דרייסיקער יאָרן. אָבער די יינגערע אַנאַרכיסטן פאַרנעמען זיך ווייניקער מיט די אַלטע אַנטי־מאַרקסיסטישע און אַנטי־קאָמוניסטישע קאַמפן; זיי זענען מער פאַראינטערעסירט מיטן זייען די זריעה פאַר דער נייער ליבערטאַרישער געזעלשאַפט אין די שטחים און גרענעצן פון דער אַלטער געזעלשאַפט. און רודאָלף דע יאַנג האָט טאַקע קלאָר דערקלערט, אַז אַנשטאָט די אַמאָליקע אַנאַרכיסטישע צילן פון טאָטאַלער רעוואָלוציע, מוזן די אַנאַרכיסטן

זיך באַגרענעצן צו בייטן די עקזיסטירנדיקע טאָטאַליטאַרישע סאָציאַלע סטרוקטורן אויף אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן זיין נענטער צו דעם אַנאַרכיזם.

ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז דער אַנאַרכיסטישער צוזאַמענפאַר גופא, מיט אַלע זיינע סתירות און באַגרענעצונגען, איז געווען אַ מוסטער פון דעם אידעאָלאָגישן ויתרוצו צווישן צעשטערישקייט און שאַפערישקייט, וואָס זענען אפשר דער תמצית פונעם היינטצייטיקן אַנאַרכיזם. דער אַנאַרכיסטישער צוזאַמענפאָר אין ווענעציע איז געווען די אָפּשפּיגלונג פון דער פאַרשיידן־פאַרביקייט פונעם אַנאַרכיזם מיט זיין פריילעכקייט און ערנסטקייט, און מיט זיין געפיל פאַר דער געשיכטע און זאָרג פאַר דעם גורל פון דער מענטשהייט. דאָס אַלץ איז געווען אי אינספּירירנדיק און אי באַוווּנדערנדיק.

אינעם לעצטן טאָג פונעם צוזאַמענפאָר האָט מען אונדז אויפגעפאָדערט גיך צו פאַרלאָזן די זאַלן אין דער געביידע פונעם אַרכיטעקטור־פאַקולטעט אינעם אוניווערסיטעט אין ווענעציע, ווו די אַלע קאָנפערענצן, דעבאַטעס און פאַנעל־דיסקוסיעס זענען פאָרגעקומען: „אַלע מוזן פאַרלאָזן די געביידע און דעם הויף נישט שפּעטער ווי זעקס אַזייגער!“ — האָבן די פעאיקע איטאַליענישע אָרגאַניזירערס געהאַלטן אונדז אין איין דערמאָנען. די דאָזיקע יונגע איטאַליענישע אַנאַרכיסטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי טויגעוודיקע און אויפטועריש אָרגאַניזירערס. אַלע פאַרזאַמלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן אין דער באַשטימטער צייט און זיך פאַרענדיקט צו דער מינוט. די איינריכטונגען האָבן גוט געאַרבעט. אַלץ האָט גוט פונקציאָנירט און געקלאַפּט ווי אַ זייגער. און דאָס האָט טאַקע אַ סך צוגעהאָלפן צו מאַכן דעם צוזאַמענפאָר דערפאָלגרייך. ס׳איז, אָבער, אויך מעגלעך, אַז דער צוזאַמענפאָר האָט געטראָגן אַ צו גוטן אַקאַדעמישן כאַראַקטער. דער פאָרמאַט איז געווען ווי פון אַ רעדנער מיט אַן עולם צוהערערס און ניט ווי אַן אָפענע דיסקוסיע מיט חברישע שקלא־וטריאס צווישן גלייכע מיט גלייכע. און טייל דעלעגאַטן, באַזונדערס די יינגערע, האָבן טאַקע געהאַט ערנסטע טענות קעגן דעם אַקאַדעמישן סטיל פון פּראָפעסאָרן, וואָס רעדן צו זייערע סטודענטן. און זיי האָבן דאָס קאָמפּענסירט דורך די לעבעדיקע דיסקוסיעס מחוץ די סימפּאָזיומס און פּלענאַרע סעסיעס און פאַנעל־דיסקוסיעס. די דאָזיקע חברישע דעבאַטעס האָבן פאַר זיך אַדורכגעבראַכן אַ גוטן וועג צו אַן אינטערנאַציאָנאַלן אויסטויש פון אידעען איבער די גרענעצן פון די פעלקער, קלאַסן, קולטורן, און לשונות פון דעם קאָלירפולן אַנאַרכיסטישן עולם אויפן צוזאַמענפאָר אין ווענעציע. און דאָס טאַקע האָט דעמאָנסטרירט דעם כסדרדיקן כוח פון די אַנאַרכיסטישע געדאַנקען צו אינספּירירן זייערע אָנהענגערס מיטן אמתדיקן געפיל פון אינטערנאַציאָנאַלער שותפותדיקייט און סאָציאַלער געמיינשאַפטלעכקייט. און דאָס איז אפשר געווען איינער פון עיקרדיקע אויפטוען פונעם אינטערנאַציאָנאַלן אַנאַרכיסטישן צוזאַמענפאָר אין ווענעציע.

ווי אַ פאַסיקן סוף צו מיין באַריכט זאָל מיר דערלויבט זיין צו ציטירן וואָס עמאַ גאָלדמאַן האָט געשריבן אין אירע מעמואַרן:

„פאַר מיר איז אַנאַרכיזם געווען ניט בלויז אַ טעאָריע פאַר אַ ווייטן עתיד. פאַר מיר איז אַנאַרכיזם געווען אַ לעבעדיקע השפעה צו באַפרייען אונדז פון די עיכובים, סיי די אינערלעכע און סיי די אויסערלעכע, און פון די צעשטערערישע באַריערן און מניעות, וואָס טיילן אָפּ דעם מענטש פון זיין מיטמענטש“.

Wilfried Gaum — ווילפריד גאָום

# רייזע־נאָטיצן פון ישראל

### .2

מאָנטיק דעם 12 סעפטעמבער 1984 (תל־אביב)

מיר זענען ווידער ביי די לודענס אויף מיטאָג. עס זענען אויך דאָ דער חבר גינטער ריסס פון שוועדן און חבר שמחה פון חיפה. דאָ דערציילט אונדז לודען פון זיין שטורמיש לעבן, פון זיין טעטיקייט אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פאַרטיי און וועגן זיינע טורמע־יאָרן. ביי די באַרימטע „מאָסקווער פּראָצעסן“, האָט ער פאַרלאָזט די קאָם.־פאַרטיי און איז דורך זיי באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ „פאַרעטער“. שמחה דערציילט אונדז וועגן די קיבוצים, אָבער מער פון אַלץ אינטערעסירט אונדז די טראַגישע לאַגע פון אונדזערע ישראל חברים, וועלכע דאַרפן, אין אַנאַרכיסטישן גייסט, באַקעמפן דעם ישראל־מיליטאַריזם און קעגן באַוואָפענונג. איז אָבער די לאַגע, וואָס ישראל געפינט זיך, אַרומגערינגלט מיט איבער צוואַנציק אַראַבישע פיינטלעכע מדינות, וועלכער, אין אַ פאַל פון זייערס אַ זיג, וואָלטן זיי ניט נאָר צוגערויבט ביי די יידן זייער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, ווי דאָס געשעט אין איראָפּע בעת אַן אָקופּאַציע פון פרעמדע אַרמייען, נאָר זיי וואָלטן אומגעבראַכט דאָס יידיש פאָלק אין ישראל. נאָך דעם וואָס עס איז געשען מיט די יידן אין איראָפּע, וואָלט אַנטוואָפענונג באַדייט פאַר די ישראל־יידן אַ פאַקטישער זעלבסטמאָרד, אויף וואָס אויך אַנאַרכיסטן זענען ניט גרייט. נאָכן פאַרברענגען צוזאַמען לאָזן מיר זיך מיט שמחהן קיין חיפה.

דאָנערשטיק דעם 15טן אויגוסט 1984 (טבריה).

מיר טרעפן דאָ אַ העסלעכע שטאָט, און בריגט (ווילפרידס חברטע) איז גערעכט. ישראל, זאָגט זי, מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּיאָנערן־לאַנד. אומעטום טרעפן מיר גלייכע, אָפּשטויסנדיקע, אויף גיך אויפגעבויטע געביידעס פון בעטאָן, וואָס דאַרפן אויך דינען פאַר אַ מקלט פאַר איר איינוווינער אין דער צייט פון אַ באָמבאַרדירונג. די יידישע יוגנט האָט זיך